# אַ מַעֲשֶׂה פַאְרן שַׁבָּת טִישׁ

דֶערְצֵיילְט דוּרךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## יֶעדֶע זַאךְ אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

"אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נִישְׁטָא קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס פַּאסִירְט אַלֵיינְס"; דִי וֶוערְטֶער חַזֶר'ט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. עֶר שְׁפַּאצִירְט מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן זָאגְט אִיבֶּער דִי וֶוערְטֶער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: "וָואס מֶען זֶעט אוּן וָואס עֶס פַּאסִירְט, אַלֶעס, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶעס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן הִימְל, אַלֶעס רוּפְט מֶען אוֹיס אִין הִימְל; אֲפִילוּ אַ שְׁטְרוֹי וָואס פַאלְט פוּן וָואגְן אוּן אֲפִילוּ אַ פֵייגְל וָואס וֶוערְט פַארְכַאפְּט אִינֶעם נֶעץ, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער".

דִי זוּן שַׁיינְט, עֶס אִיז הַיינְט אַ שֵׁיינֶע וֶועטֶער, אַ שֵׁיינֶע בְּלוֹיעֶ הִימְל, עֶס צֶעבְּלָאזְט זִיךְ אַ קִילֶע ווִינְטְל אוּן עֶס פַאלְן בְּלֶעטְלֶעךְ פוּן בוֹים. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אָטֶעמְט אַרַיין דִי פְרִישֶׁע לוּפְט אוּן שְׁרֵייט אוֹיס הוֹיךְ: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִיפְרִישֶׁע לוּפְט", אַלֶע תַּלְמִידִים זָאגְן נָאךְ שְׁטִילֶערְהֵייט: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי פְרִישֶׁע לוּפְט", דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט נָאכְאַמָאל: "טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים, אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ אַ בְּלֶעטְל פַאלְט נִישְׁט

אַרָאפּ פון בוים אָן קַיין חֶשְׁבּוֹן, נָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט עֶס זָאל אַרָאפְּפַאלְן".

די תַּלְמִידִים טְרַאכְטְן, ווִי קֶען דָאס זַיין? אִיז דָאס טַאקֶע אַזוֹי? אַ בְּלֶעטְל פַאלְט נִישְׁט פוּן בוֹים סְתַּם אַזוֹי? "רֶבִּי, גֶעבְּט אוּנְז צוּ פַארְשְׁטֵיין - זָאגְט אַ דְרֵייסְטֶער תַּלְמִיד - אִיז דָאס טַאקֶע אַזוֹי, אַז דִי בְּלֶעטְלֶעךְ פַאלְן אַרָאפּ פוּן בוֹים מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן? וָואס פַאר אַ חֶשְׁבּוֹן אִיז דָא מִיט בְּלֶעטְלֶעךְ? וֶועם אִינְטֶערֶעסִירְט וואו דִי בְּלֶעטְלֶעךְ פַאלְן?"

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט: "קוּמְט מִיט מִיר, אִיךְ וֶועל אַייךְ וַוייזְן עֶפֶּעס גָאר אִינְטֶערֶעסַאנְט". דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב שְׁפַּאצִירְט ווַייטֶער, עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ און זָאגְט פַאר דִי תַּלְמִידִים: "דָא לִיגְט אַ הוּנְגֶערִיגֶע וֶוערֶעמְל וָואס זוּכְט עֶסְן אוּן טְרֶעפְט נִישְׁט, דָאס וֶוערֶעמְל הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ קְרִיכְן, זִי בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר, גֶעב מִיר עֶפֶּעס עֶסְן', מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶס זָאל בְּלָאזְן אַ ווִינְט אוּן אַ בְּלֶעטְל פַאלְט אַרָאפּ פוּן בוֹים אוּן דֶער ווִינְט טְרָאגְט עֶס בִּיז וָוארֶעם אוּן דִי וָוארֶעם דְרֵייט אֵיין דָאס בְּלֶעטְל אוּן זָאגְט 'שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער'".



טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אוֹיב מֶען צֶעקְלַאפְּט זִיךְ, אָדֶער מֶען צֶעקְלֶעמְט זִיךְ, אָדֶער עֶפֶּעס פַּאסִירְט - וֵוייסְן מִיר אַלֶע אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**גענומען פון ספר "עצתי אמונה"**

צוּ הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, רוּפְט קוֹל בְּרֶסְלֶב:
א"י: 07970-400-66
ארה"ב: 212-444-9191, 1-5-2-1